חוברת ח

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

**מרת חנה ע״ה ז״ל**

**אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל**

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פארקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה


נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי׳** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

בקזיל־ארדא פגשתי גם יהודי מיקטרינוסלב[70], שהוגלה לשם באשמת בורגנות[71], ולאחר שסיים לרצות את תקופת גלותו — הקים בעיר עסק מצליח והעביר אליה את משפחתו. הוא הכיר אותנו, כמובן, ורצה לסייע לי ככל שהיה ביכולתו, אבל לאכול אצלו לא יכולתי, מטעמי כשרות. הוא הפנה אותי לשוחט מהומיל, גולה לשעבר, שנמנע ממנו לשוב לעירו ולכן השתקע שם אף הוא. אכלתי איפוא אצל השוחט, והתגוררתי אצל היהודי מיקטרינוסלב.

בקזיל־ארדא שהיתי עשרה ימים, שבמהלכם חיפשתי עצות שונות כדי להצליח במשימתי להעביר לשם את בעלי. בין השאר הגשתי בקשה — שנכתבה על־ידי עורך־דין גדול, שמכריי המליצו לי עליו — בהתבסס על כך שבעלי אינו בקו הבריאות, ושהוא זקוק לטיפולים רפואיים הקיימים רק בעיר הגדולה.

אולם לאחר כל השתדלנות, ולאחר תקופת ההמתנה שלי בעיר, שכללה הליכה שלוש פעמים למשרדי הנ.ק.וו.ד. וחילופי שאלות ותשובות דיפלומטיים — קיבלתי מענה, שלפיו כל הדרוש לבעלי מבחינה רפואית ישנו גם בציאילי, ואין צורך להעביר אותו לעיר אחרת. בסוד נודע לי שעל תיק האסיר של בעלי הופיעה הוראה בכתב: אסור לו לגור בין יהודים!

ככל שהדבר לא היה נעים — נאלצתי להכיר בכך שהמצב יישאר ללא שינוי. מחוסר ברירה, קניתי אי־אלו דברים שלא ניתן היה להשיגם בציאילי, ונסעתי לשם בחזרה.

כשהמצב אינו טוב, ומנסים לשנות אותו קמעא, והניסוי אינו מוביל לתוצאות טובות — ההשפעה על מצב־הרוח היא קשה מאוד. אך "בלעתי" גם אכזבה זו.

סיכמתי עם אחד הגולים, יהודי, שיעבור לגור עם בעלי בחדרו, כדי שלא יישאר תמיד לבדו.

---

70)

71) כינוי לחבר מעמד בעלי העסקים והמקצועות החופשיים (בניגוד למעמד הפועלים), שהיה פסול בעיני השלטונות הסובייטיים.

**Reshimas Zichronos**

Kesuvim Bidei Harabanis Hatzidkanis
Maras Chana

Installment 8

Published and Copyrighted © 2011
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

נהגנו ללכת לשם שנינו, משום שהיה אסור לאחד לקבל עבור חברו. כדי שבעלי לא ימשוך תשומת־לב, וייראה כאדם פשוט — תפרתי עבורו, עוד כשהייתי בביתי, תלבושת שתשווה לו מראה של בן מעמד הפועלים, עם כובע מצחייה תואם. אולם פניו הסגירו את הסוד, שהוא ראוי ליחס שונה. ואכן, לעיתים תכופות אירע שהממונים על העשיריות הראשונות צירפו אותו אליהם, כדי לקצר את זמן עמידתו בתור. כשהיו מבחינים בכך האנטישמיים שבין העומדים — רוסיים ברובם — היו ניגשים וקוראים לעברו: "היי, לאן אתה נדחף, זקן!"

כששמעתי את הקריאות חשבתי שלא יהיה בכוחי לשאת זאת, אולם לא יכולתי לעשות מאומה בנידון. הצורך לקבל קילוגרם זה של לחם היה עבורנו עולם ומלואו.

## שתדלנות בקזיל־ארדא

בינתיים אץ לו הזמן, ועלי היה להתחיל לחשוב על נסיעה בחזרה הביתה, מכמה טעמים: כדי לשמור על הדירה, כדי לנצל את השפע הגשמי שבעיר ולא לאבד את הקשרים במקום, וכדי לדאוג למשלוח חבילות מזון לבעלי באמצעות תחבולות שונות — חבילות שיכולות היו להישלח רק מערים שבהן ישנם יותר מוצרים.

לא הכל יכלו לשלוח חבילות ל"פושע" שכזה, שכן היתה בכך משום סכנה לשולח; אולם במקרה זה גילו אנשים רבים דרגות גבוהות ביותר של טוב־לב, ופעלו לשם כך במסירות־נפש, כשהם מעמידים עצמם בסכנה ממשית. ישלם ה' שכרם הטוב על כך. בחזרתי לביתי דאגתי לכך ככל שהיה באפשרותי.

לנסיעתי חזרה הביתה היה טעם נוסף — פשוט, כדי שמספר האוכלים יקטן באחד, וכך יהיה צורך לדאוג למזון רק עבור אדם אחד. החלטנו איפוא שאסע בחזרה לביתי.

באותם ימים החלו לפקוד את הכפר גלי־חום כבדים, וחששתי שאם אשאיר את בעלי שם לבדו בתקופה זו — לא יוכל להחזיק מעמד. נסעתי איפוא לעיר המחוז קזיל־ארדא כדי להשתדל במשרדי הנ.ק.וו.ד., מתוך תקווה שיסכימו להעביר אותו לעיר זו, שבה היה קיבוץ יהודי של יהודי בוכרה, ובכלל — תנאי החיים שם היו טובים יותר מבציאילי.

בקזיל־ארדא היו רב ושוחט — שני אחים שעבדו בשעות היום בצחצוח נעליים כשהם יושבים על שרפרף ברחוב, כנהוג באותם מקומות, וכשסיימו את עבודתם — עסקו במשרותיהם הרוחניות.

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ח של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

## מערכת „אוצר החסידים"

ג' כסלו*, ה'תשע"ב
ברוקלין, נ.י.

*) יום הולדת הוו"ח אי"א נו"מ ובעל מדות דובער הי"ד – בנם האמצעי של כ"ק הרלוי"צ והרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה.

## ס׳איז ראש חודש תמוז פון דעם 48׳טן יאָר [תש״ח][1].

איך גלויב אַז עס איז שוין דאָ אַזעלכעס וואָס מען דאַרף זיך דערמאָנען אויף פאַרצייכענען.

*

די וואָך האָט אַריינגעטראָגן אַ ביסל אַ שינוי אין דעם לעבן, און דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די געוויינליכע סדרים. די איינוואָוינער זיינען געווען דאָס רוב קאַזאַכן, און אַ חלק קריסטן, וועלכע מען האָט איבערגעוואָרפן אַהין פון סיביר, מיט זיי האָט מען זיך געקענט צונויף רעדן. קיין אידן אַ חוץ די דריי פאַרשיקטע, זיינען ניט געווען.

## פיר קילאָמעטער אונטער דער ברענעדיגער זון

אַלע צען טעג האָט מען געדאַרפט גיין אין נ.ק.וו.ד. זיך צו רעגעסטרירן, דאָרט האָט מען זיך געדאַרפט חתמ׳נען. ווען דער טאָג איז געפאַלן אין אַ וואָכנדיקן טאָג איז נאָך געווען האַלבע צרות, ווען עס פלעגט אָבער אויספאַלן שבת, האָבן מיר דאַן געהאַט גרויסע יסורים. אַלס צוגאָב צו אַלעס, האָט מען געדאַרפט מיט זיך טראָגן די סווידיעטעלסטווא[148] [דעם פאַספאָרט האָט מען צוגענומען גלייך ווען מען האָט פאַר׳משפט], דאָס האָט געטאָן אַ קריסטן, אויך אַ פאַרשיקטע, וואָס מען האָט איר מגלה געווען דעם סוד. אָבער מיטן שרייבן איז געווען אַ גרויסער פּראָבלעם.

צווישן די וועלכע זיינען געקומען זיך צו רעגעסטרירן, איז געווען איינער אַ שומר שבת, פלעגט ער שרייבן מיט דער לינקער האַנט, און אותיות ניט גאָר קיין ריכטיקע. דערצו, פלעגט ער זיך פאַרבינדן די האַנט מיט אַ טיכעלע און זאָגן אַז עס טוט אים וויי. איינמאָל האָט אים דער שרייבער געזאָגט אַז ער באַמערקט עפּעס, אַז ווען עס קומט שבת טוט אים וויי די האַנט. ער האָט אים דעריבער געוואָרנט אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן

---

148) תעודה.



בהם. הנורא מכל היה המחסור בלחם. אני זוכרת שבמשך כל חודש מאי לא ראינו פת־לחם לנגד עינינו.

בעלת־הבית עבדה אצל ״מיוחסים״ שהיה להם לחם יותר מהדרוש להם, והם נתנו לה את הנותר. בבואה הביתה, היתה מכנסת את כל העיזים והחזירים ואת שני הכלבים, ומשליכה לפניהם פיסות לחם.

עכשיו, כשאני נזכרת בכך, אני שמחה על כך שהתגברתי על עצמי ולא ביקשתי ממנה לתת גם לי פרוסת לחם. אני זוכרת את עצמי בבירור לוחצת את ידיי זו אל זו, רועדת קלות מרעב, תוך מחשבה על כך שעבור בעלי מדובר בסבל מתמשך, לאחר שנה של רעב בבית־הכלא. ראיתי אנשים עשירים לשעבר, שהידרדרו לשפל כה עמוק עד שנאלצו להתחנן לפת לחם. ישמרנו ה׳, עד כמה שפל הוא מצב זה.

הייתי דואגת לכך שבעלי לא יראה את שק הלחם, ושנינו יחד היינו שוברים שאריות של לחם יבש ישן למספר חלקים ושורים אותם במים כדי שיתרככו ויהיו ניתנים לאכילה, ומהרהרים בשעת מעשה: ומה יהיה מחר?...

כך נהגנו מדי יום: את הקרום הקשה חתכנו מסביב ללחם, וצברנו את חתיכות הקרום בשקית כדי שלא ייפול עליהן אבק. לאחר זמן היינו שורים את חתיכות הקרום במים ואוכלים, מנערים את המפה כדי שאף פירור לא ייפול ממנה, ומקנחים באכילת הפירורים כדי שנהיה שבעים יותר.

כדי לקבל לחם היה צורך לעמוד בתור במשך שעות רבות, וגם כך — לא ניתן היה לקבל יותר מקילוגרם לחם לאדם, כמות שהיתה אמורה להספיק לשלושה ימים. כדי לקבל קילוגרם לחם זה — ולפעמים אף פחות מכך — היה צורך לצאת מהבית מוקדם ככל האפשר, משום שלעתים קרובות למדי לא הספיק הלחם לעומדים בקצהו המרוחק של התור.

בין הבאים לקבל את מנת הלחם היו גולים רבים מקוריאה, מקזחסטאן, מרוסיה ומארצות רבות נוספות. כל אחד השקיע כוחות כדי שבני קבוצתו יקבלו את הלחם בבטחה, ולעתים קרובות למדי הביא הדבר לקטטות.

הסדר היה שכל עשרה אנשים מינו על עצמם ממונה, וכמובן, מי שנמנה על העשיריות הראשונות — היה בטוח יותר שלא יעזוב הביתה בידיים ריקות.

האחד במאי[68], וכן ב"ימי אוקטובר"[69], היה בעלי צריך ללכת לשם במשך שלושה ימים ברציפות, ללא הפסק, ובכל הליכה היה עליו להיזהר בתשובות שנתן על השאלות שהוצגו בפניו.

## החזירים המיוחסים

החברה שבתוכה חיינו באותם ימים כללה את בעלת־הבית, שנהגה להגיע רק בשעה מאוחרת בלילה, ואת ילדיה, שהיו ילדים קטנים אך פראי־אדם גדולים, ונאלצנו לסבול מהם רבות.

עם שקיעת השמש, כשניתן היה לשבת קמעא בחוץ, באוויר הפתוח שליד חדרנו — התרוצצו שם עיזים וחזירים שהטרידו את מנוחתנו. בני־אדם כלל לא ראינו לנגד עינינו. כשהיינו יושבים בחוץ, היה בעלי נוהג ליטול ספר כלשהו מאלו שהבאתי עמי, או להתעמק במחשבותיו בעניין כלשהו, כפי שיכולתי להכיר בפניו. בכל אחד משני עיסוקים אלו לא היה בעלי יכול לסבול את נוכחותם של החזירים, ופעמים שגירש אותם במקל מתוך כעס.

הדרך שבה נהג בעלי בחזירים היתה למורת רוחה של בעלת־הבית, שכן הללו היו עבורה מקור לנחת־רוח רבה. היא אמרה לי פעם שהחזירים חשובים בעיניה יותר מילדיה, מהסיבה הפשוטה שהחזירים עתידים להניב לה רווח, ואילו מהילדים — איזה רווח עתידה היא להפיק?... מובן, איפוא, שהיא כעסה על התנהגותו של בעלי כלפי חזיריה. פעם היא אף אמרה לי במפורש, בפנים זועפות ומרושעות: "נראה שבעלך אינו אוהב חזירים, משום־מה הוא מכה בהם במקל"... מאז ששמעתי דברים אלה ממנה נאלצנו לנהוג בחזירים בזהירות רבה יותר, שכן כעסה עלול היה לגרום לנו נזק.

## וכי תאמרו: מה נאכל?

בינתיים התקדם לו הזמן כדרכו, מבלי לעצור לרגע במקום אחד. המזון ומיני המאכל שהבאתי עמי החלו אוזלים, והשאלה התעוררה במלוא חריפותה: ואם תאמר מה נאכל?...

גם כיום, כשאני שבעה ב"ה בכל מאת האחוזים, זוכרת אני עדיין היטב את טעם הרעב שטעמתי אז. לא היינו מדברים על כך, אך הבחנו היטב, בתחושת צער ייחודית, במקומות האחסון שהתרוקנו מהמזון שהיה

68) חג הפועלים.
69) ימי חג לזכר מהפכת אוקטובר.



ווער ער איז, און אַז קיין אייגענע דינים קען ער דאָ ניט אַיינשטעלן. און אויב ער וועט זיך אַזוי פירן וועט מען אים אַוועקשיקן אין אַן אַאול[149] הייסט דאָס. דאָס איז ערגעץ ווייט פון ישוב וואו האַלב ווילדע קאַזאַכן געפינען זיך. פאַר דעם האָט מען זיך נאַטירליך גאַנץ גוט דערשראָקן.

די שטוב וואו מען האָט געדאַרפט גיין זיך רעגעסטרירן, איז געווען פיר קילאָמעטער פון אונזער צימער. גיין האָט מען דאָס געמוזט בייטאָג, דורך פוסטע פעלדער, און אונטער דער ברענעדיגער זון. קומענדיק פון רעגעסטרירן זיך, פלעגט ער קוים אַ לעבעדיקער אַריינפאַלן אין שטוב, און זיך גיין גלייך לייגן.

ערשטן מאַי[150], און אָקטאָבערסקע־טעג[151], האָט מען געדאַרפט גיין דריי טעג נאָכאַנאַד אָן אַ הפסק, און יעדער מאָל גיין, האָט מען געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק מיט די תשובות אויף די שאלות וועלכע זיי האָבן געשטעלט.

## חזירים זיינען טייערער פון די קינדער

די געזעלשאַפט אונזערע וועלכע מיר האָבן דאַן געהאַט, איז באַשטאַנען פון די בעל־הבית׳טע וואָס פלעגט קומען שפּעט ביינאַכט, אירע קינדער, קליינע אין יאָרן און גרויסע כוליגאַנעס, וואָס מען האָט פון זיי געדאַרפט אַ סך ליידן.

און אַז די זון פלעגט אַראָפּגיין, און מען האָט געקענט זיצן אַ ביסל אין דרויסן לעבן צימער אויף דער לופט, זיינען געווען ציגן מיט חזירים וועלכע פלעגן שטערן די רו. קיין מענטשן האָט מען פאַר די אויגן ניט געזען. זיצנדיק אין דרויסן פלעגט ער זיך דעמאָלט נעמען אַ וואָסער־ניט־

149) כינוי לכפר פרימיטיבי בארצות הקווקז ומרכז אסיה.
[אַאול הוא טיפוס של כפר הררי בקווקז שבו כל בית בכפר נסמך על הבית שלידו, או על מורד ההר שלידו, כשאלו משמשים כאחד מקירותיו. שאר קירות הבית עשויים מאבנים גדולות או מקרשים. הגג מכוסה בעפר או בשיחים ויש בו חור, שדרכו יוצא עשן המדורה המובערת בבית, לחימום ולבישול].
150) חג הפועלים.
151) ימי חג לזכר מהפכת אוקטובר.

איז ספר וואָס איך האָב געבראַכט, אָדער עפּעס טראַכטן, ווי איך האָב אויף דעם פּנים דערקענט.

און צו די ביידע זאַכן האָט ער די חזירים ניט געקענט ליידן, און פון כעס, פלעגט ער זיי אַמאָל אַוועק טרייבן מיט דעם שטעקל. די בעל־הבית'טע איז אָבער געווען ברוגז פאַר אַזאַ באַהאַנדלונג, ווייל ביי איר זיינען די חזירים געווען אַ גרויסער נחת. זי האָט מיר איינמאָל געזאָגט אַז די חזירים זיינען ביי איר טייערער ווי די קינדער, איבערן אַ פּשוט'ן טעם, ווייל פון די חזירים וועט זי האָבן פאַרדינסט, אָבער פון די קינדער וואָס וועט זי האָבן? במילא איז זי געווען ברוגז פאַר אַזאַ באַציאונג צו אירע חזירים, און האָט מיר איינמאָל פאַרביסענערהייט מיט אַ שלעכטקייט געזאָגט:

Батюшка[55], как видно, свиней не любит, что-то он их палкой бьёт.

[=ווייזט אויס אַז דיין אַלטער האָט ניט ליב קיין חזירים, עפּעס שלאָגט ער זיי מיט דעם שטעקל].

הערנדיק פון איר דאָס, האָט מען זיך שוין געמוזט זיין פאָרזיכטיק מיט די חזירים, וואָרום איר קפידה האָט געקענט שאַטן.

* * *

## וכי תאמר מה נאכל

די צייט איז געגאַנגען, זי איז ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. אַלץ וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך, די עסנוואַרג „שפּייז", האָט זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן. און עס האָט גאַנץ שאַרף אָנגעהויבן שטעלן די שאלה, ואם תאמר מה נאכל?

איך בין איצט, אַ דאַנק ג־ט, זאַט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, דאָך געדיינק איך נאָך יעצט גוט דעם טעם פון הונגער, וועלכן איך האָב דאַן געפילט. מיר פלעגן וועגן דעם ניט רעדן, נאָר מיט אַ באַזונדערן געפיל באַמערקן די ערטער וועלכע זיינען פּוסט געוואָרן פון די מזונות וואָס זיינען געווען אין זיי. דער עיקר איז געווען שרעקליך מיט דעם לחם. איך געדיינק דעם גאַנצן חודש מאַי האָבן מיר ניט געזען קיין ברויט פאַר די אויגן.



## ארבעה קילומטרים בשמש הקופחת

**ראש־חודש תמוז תש"ח**

אני מאמינה שעדיין ישנם עוד אי־אלו דברים שאוכל להיזכר בהם ולרשום.

שבוע זה של חג הפסח הכניס מעט שינוי בחיינו, ולאחריו החלו סדרי החיים הרגילים. תושבי המקום היו ברובם קאזאחים, ובחלקם — נוצרים שהועברו לשם מסביבר, ועמהם ניתן היה להידבר. יהודים — מלבד שלושת הגולים — לא היו שם.

אחת לעשרה ימים היה על בעלי ללכת להתייצב במשרדי הנ.ק.וו.ד. כדי להירשם, ושם היה עליו לחתום את שמו. כאשר חל מועד זה בימי החול היתה זו חצי צרה, אולם כשהוא חל בשבת — גרם לנו הדבר ייסורים גדולים. מלבד עצם החתימה, היה על בעלי גם לשאת עמו את תעודת האסיר (את הפספורט לקחו ממנו מיד לאחר שנשפט); זאת היתה עושה עבורו נוצרייה אחת, גם היא מהגולים, שגילינו לה את ה"סוד". הכתיבה, לעומת זאת, היוותה בעיה גדולה.

אחד הגולים שהיו באים להירשם היה שומר שבת. הוא נהג לחתום בידו השמאלית, באותיות שאינן מדוייקות בצורתן. לשם כך היה חובש את ידו בתחבושת, וטוען שהיא כואבת. פעם אמר לו הפקיד, שהוא מבחין שבכל פעם שיום החתימה חל בשבת — כואבת ידו... הזהירו איפוא הפקיד לבל ישכח מי הוא ומה מעמדו, וכי במקום זה לא יוכל להנהיג חוקים משלו, ואם ימשיך לנהוג כך — יוגלה לכפר מהסוג הנקרא "אאול"[67], הרחק ממקום יישוב, בין קאזאחים פראיים למחצה. אזהרה זו, מטבע הדברים, הפחידה אותו כהוגן.

המבנה שאליו היו צריכים ללכת כדי להירשם היה במרחק ארבעה קילומטרים מהחדר שבו גרנו. בעלי נאלץ לצעוד מרחק זה ביום, דרך שדות חשופים, תחת השמש הקופחת. בשובו מן ההרשמה היה בעלי כושל אל תוך הבית כל עוד נפשו בו, ומיד היה שוכב לנוח. בתקופת

67) כינוי לכפר פרימיטיבי בארצות הקווקז ומרכז אסיה.

און ווען זיין צייט האָט זיך געענדיקט, האָט ער זיך דאָרט אַיינגעאָרדנט מיט אַ גוט געשעפט און האָט אַרויסגענומען אַהין זיין פאַמיליע. ער האָט אונז געוויינליך געקענט און האָט מיר געוואָלט מיט אַלץ העלפן וואָס מען קען. אָבער עסן ביי אים, האָב איך ניט געקענט, איבער כשרות. האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ געוועזענעם פאַרשיקטן שוחט פון האָמליע, וועלכער האָט ניט געקענט פאָרן צוריק צו זיך אין שטאָט, און האָט זיך אויך דאָרט אַיינגעאָרדנט. האָב איך געגעסן ביים שוחט און געוואָוינט ביים יעקאַטערינאָסלאַווער.

אין קזיל־אָרדאַ בין איך אָפּגעווען צען טעג, זוכנדיק אַלץ עצות אויף דורכפירן דעם ענין פון אַריבערפירן אַהין. איך האָב אויך דערלאַנגט אַ בקשה, געשריבן פון אַ גרויסן לאָיער וועלכן די באַקאָנטע האָבן מיר רעקאָמענדירט, אַז ער איז ניט געזונט און אַז ער מוז האָבן אַזעלכע היילונג וואָס געפינט זיך נאָר אין דער גרויסער שטאָט. נאָך מיין גאַנצע שתדלנות, און נאָך מיין וואַרטן דאָרטן און גיין אַהין דריי מאָל מיט דיפּלאָמאַטישע שאלות און ענטפערס, האָב איך באַקומען אַן ענטפער, אַז אַלץ וואָס ער דאַרף פון מעדיצינע איז דאָ אין טשילי, און אַז מען דאַרף אים אין קיין אַנדער שטאָט ניט איבערפירן.

איך האָב זיך בסוד דערוואוסט אַז אויף זיין „קייס” איז געווען אַן אויפשריפט: ניט וואָוינען צווישן אידן.

אַלזאָ, ווי עס איז געווען ניט געשמאַק, האָט דאָס געדאַרפט בלייבן אָן אַן ענדערונג. ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָב איך איינגעקויפט אייניקע זאַכן וואָס מען האָט אין טשילי ניט געקענט באַקומען, און בין אַוועקגעפאָרן צוריק.

אין ניט קיין גוטער לאַגע, ווען מען וויל עפּעס בעסער מאַכן, און עס גייט ניט קיין גוטע רעזולטאַטן, מאַכט דאָס אַ גאַנץ שווערע ווירקונג. אַראָפּ געשלונגען דאָס אויך.

איך האָב אָפּגערעדט מיט איינעם פון די פאַרשיקטע, אַ איד, ער זאָל זיך אַריבערגיין וואָוינען מיט אים אין צימער כדי ער זאָל ניט זיין שטענדיק אַליין.

* * *



די בעל־הבית'טע האָט געאַרבעט ביי מיוחסים וועלכע האָבן געהאַט ברויט מער ווי זיי האָבן געדאַרפט, האָבן זיי דאָס איר אַוועקגעגעבן, און זי, קומענדיק אַהיים האָט זי צונויפגערופן אַלע ציגן מיט די חזירים, און צוויי הינט, און האָט זיי געוואָרפן שטיקער ברויט.

איצט, דערמאָנענדיק דאָס, בין איך צופרידן וואָס איך האָב זיך גובר געווען אויף ניט בעטן ביי איר זי זאָל מיר אויך געבן אַ שטיקל ברויט. איך געדיינק קלאָר ווי איך פלעג שטאַרק צונויפקוועטשן די הענט עפּעס, און ציטערן אַ ביסל פון הונגער, און טראַכטן, אַז ביי אים איז דאָך דאָס שוין אַזוי אַ המשך נאָך אַ יאָר הונגערן אין תפיסה. איך האָב געזען אַזעלכע געוועזענע רייכע מענטשן וועלכע האָבן זיך אַזוי נידעריק אַראָפּגעלאָזן און האָבן פּשוט געבעטן מען זאָל זיי געבן ברויט, זאָל ג־ט אויסהיטן ווי נידעריק דאָס איז.

איך פלעג זען אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל ניט זען דעם זאַק מיט די ברויט, און מיר פלעגןביידע אין איינעם צוטיילן די איבערגעבליבענע אַלטע סוכאַרעס[152] אויף עטליכע חלקים און זיי איינווייקן אין וואַסער, עס זאָל ווערן ווייך, מען זאָל זיי קענען עסן. טראַכטנדיק בשעת מעשה: און וואָס וועט זיין מאָרגן?

אַזוי האָבן מיר אַלע טאָג די האַרטע פון די ברויט אַרומגעשניטן, און צונויפגעלייגט אין אַ זעקעלע עס זאָל אויף דעם קיין שטויב ניט פאַלן. דערנאָך פלעגן מיר דאָס איינווייקן און עסן. אויסטרייסלענדיק אַזוי דעם טישטאַך אַז זאָלן קיין ברעקלאַך ניט אַראָפּפאַלן, און פאַרבייסנדיק מיט די ברעקלאַך, מען זאָל זיין זאַטער.

צו באַקומען ברויט האָט מען געדאַרפט שטיין אין דער אָטשערעדי פאַר אַ סך שעה צייט, און אויך דאַן האָט מען געקראָגן ניט מער ווי אַ קילאָ ברויט פאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט געדאַרפט זיין גענוג פאַר דריי טעג. כדי צו באַקומען דעם קילאָ ברויט און אַ מאָל נאָך ווייניקער, האָט מען געדאַרפט אַרויסגיין וואָס פריער, וואָרום די וואָס זיינען געשטאַנען ווייט, האָט גאַנץ אָפט ניט געסטייעט.

152) צנימים, תופין.

צווישן די וועלכע פלעגן קומען נאָך ברויט, זיינען געווען אַ סך פאַרשיקטע פון קאָרעאַ, קאַזאַכאַן, רוסישע, און נאָך אַ סך נאַציאָנאַלע. און יעדערער, האָט געלייגט כחות אַז זיינע זאָלן פעסט באַקומען. גאַנץ אָפט איז דערגאַנגען צו געשלעג. דער סדר איז געווען, אַז אַלע צען פערזאָן האָבן זיך געמאַכט אַן עלטערן איבער זיך, איז געווייינליך, ווער עס איז געווען פון די ערשטע צענדליקער, איז געווען רוהיקער אַז ער וועט ניט גיין אַהיים ליידיק.

מיר פלעגןביידע אַוועקגיין אַהין, ווייל איין מענטש האָט ניט געטאָרט באַקומען פאַרן צווייטן. כדי ער זאָל ניט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט און זאָל אויסזען וואָס פשוט'ער, און ניט וואַרפן זיך אין די אויגן, האָב איך אים נאָך אין דעם היים, אויף גענייט אַ קאַסטיום[153] וואָס זאָל זיין ענליך אויף אַ פּראַליטאַרי[154] מיט אַ היטל אַ זשאַקייקע[155]. זיין פּנים האָט אָבער אויסגעזאָגט דעם סוד אַז מען דאַרף זיך צו אים אַנדערש באַציען. האָט טאַקע אָפט מאָל געטראָפן אַז פון די פריערדיקע צענדליקער, פלעגן אים אַריינשטעלן צו זיך, ער זאָל דאַרפן ווייניקער צייט שטיין. אַז דאָס האָבן באַמערקט אַנטיסימיטן פון דעם עולם, דאָס רוב איז דאָס געווען פון די רוסישע, פלעגן זיי צו אים צוגיין און אויסשרייען: Эй[55], старик, куда ты прёшься? [=הייא! וואוהין שטופּסט זיך אַלטער?].

ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך געמיינט אַז איך וועל דאָס ניט איבערטראָגן, אָבער העלפן צו דעם האָב איך גאָרניט געקענט.

באַקומען דעם קילאָ ברויט איז געווען אַן עולם־ומלואו.

* * *

## השתדלות אין קזיל־אָרדאַ

די צייט איז געגאַנגען און איך האָב שוין געדאַרפט אָנהויבן טראַכטן וועגן פאָרן צוריק אַ היים, צוליב עטליכע טעמים: היטן די דירה,

153) חליפה.

154) חליפת הפועלים.

155) מצחי'.



האָבן די גשמיות'דיקע השפעה פון שטאָט, און ניט אָפּגעריסן ווערן, און פאַרזאָרגן אים מיט שפּייז־פּעקלעך מיט אַלע־ערליי קונצן. דאָס האָט מען געדאַרפט קריגן פון שטעט וואו עס איז דאָ מער פּראָדוקטן.

ניט אַלע אָבער, האָבן געקענט אַזאַ פאַרזינדיגטן שיקן פּעקלעך, ווייל דאָס איז געווען פאַר דעם שיקער אַ סכנה. אָבער דאָ האָבן זיך מענטשן אַרויס געוויזן אַזוי שיין, ביז הויכע מדריגות. מען האָט געטאָן מיט מסירת־נפש און זיך געשטעלט אין אמת'ע סכנות. זאָל זיי ג־ט מיט גוטס צאָלן דערפאַר. צוריק פאָרנדיק, האָב איך דאָס באַזאָרגט, אויף וויפל איך האָב געהאַט די מעגליכקייטן.

מיין פאָרן צוריק אַ היים, האָט געהאַט נאָך אַ טעם, פשוט, עס זאָל זיין מיט אַן עסער ווייניקער, מען זאָל דאַרפן טראַכטן נאָר וועגן איין מענטשן, האָבן מיר מחליט געווען אַז איך זאָל פאָרן אַ היים.

צו יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקליכע היצן, און ווען איך זאָל אים דורך דער צייט איבערלאָזן אַליין, האָב איך מורא געהאַט, אַז ער וועט דאָס ניט איבערלעבן. בין איך אַוועק געפאָרן אין קזיל־אָרדאַ, וואו עס האָט זיך געפונען די אָבלאַסטי, אויף זיך משתדל צו זיין אין נ.ק.וו.ד. אפשר וועט מען אים קענען אַהין איבערפירן, ווייל דאָרט איז געווען אַן אידישער קיבוץ פון בוכאַרער אידן און די לעבנס באַדינגונגען זיינען בכלל געווען בעסער ווי אין טשילי.

אין קזיל־אָרדאַ, איז געווען אַ רב און אַ שוחט[156], צוויי ברידער וואָס האָבן בייטאָג געפּוצט די שיך[157], זיצנדיק אין גאַס אויף אַ ביינקאַלע, אַזוי ווי דאָרט פירט זיך, און אַז זיי האָבן די אַרבעט געענדיקט, האָבן זיי פאַרנומען זייערע פּאָסטן.

אין קזיל־אָרדאַ, האָב איך אויך געפונען אַ געוועזענעם יעקאַטערינאָסלאַווער איד[158], וועלכער איז פאַרשיקט אַהין אַלץ בורזשוי[159],

156) ראה לעיל ע' 000.

157) ראה לקמן ע' 000.

158)

159) בורגני. כינוי לחבר מעמד בעלי העסקים והמקצועות החופשיים (בניגוד למעמד הפועלים), שהיה פסול בעיני השלטונות הסובייטיים.